**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 07/10/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט באריכט פאר ניו יארקער איבער אנגייענדע סטעיט אָוו עמערדזשענסי צוליב באדייטנדע רעגנס און פאטענציאל פאר נאך פארפלייצונגען**

***קומט צוליב באדייטנדע פארפלייצונגען און שטערונגען צו טראנספארטאציע צוליב שווערע רעגנס; מער פון אכט אינטשעס פון רעגן איז געפאלן אין חלקים פון די מיד-האדסאן און מער פון פינף אינטשעס אין די פינגער לעיקס צווישן זונטאג און מאנטאג***

***שאסייען בלייבן פארשפארט אין אלבאני, אָסוועגאָו, אראנדזש, פאָטנעם און ראקלענד קאונטיס; מעטראָו-נארט סערוויסעס בלייבן אפגעשטעלט פאר די אָפער הארלעם ליניע, האדסאן ליניע באנען וועלן פארן צווישן גרענד סענטראל און פיקסקיל אנגעהויבן פון דינסטאג אינדערפרי***

***גאווערנער האקול האט געשפראכן מיטן ווייסן הויז, FEMA פירערשאפט און פאראייניגטע שטאטן סענאטארן פון ניו יארק איבער פאטענציאלע פעדעראלע קאטאסטראפע הילף***

***נאך 2-3 אינטשעס פון רעגן מעגליך היינט נאכט אריין ביז מארגן אינדערפרי אין די הויפטשטאט ראיאן און נארט קאנטרי; פארפלייצונג וואַטשעס בלייבן אין קראפט פאר די גאנצע מזרח חלק פון די סטעיט***

גאווערנער האקול האט היינט איבערגעגעבן א באריכט פאר ניו יארקער אזוי ווי שווערע רעגנס זעצן פאר אריבער די סטעיט און זעצן פאר צו באטרעפן ברייט-פארשפרייטע געגנטער אין די מיד-האדסאן, פינגער לעיקס, צענטראל ניו יארק און נארט קאָנטרי ראיאנען. דעם זונטאג האט גאווערנער האקול דעקלערט א 'סטעיט אָוו עמערדזשענסי' אין אראנדזש און אָנטאַריאו קאונטיס אזוי ווי מערערע שאסיי אפשפארונגען און באריכטן פון פארפלייצונגען זענען אדרעסירט געווארן דורך סטעיט און לאקאלע מאנשאפטן.

צווישן זונטאג און מאנטאג זענען מער פון אכט אינטשעס פון רעגן באריכטעט געווארן אין חלקים פון די מיד-האדסאן ראיאן (אראנדזש קאונטי), און מער פון פינף אינטשעס זענען באריכטעט געווארן אין די פינגער לעיקס ראיאן (אָנטאַריאו קאונטי). אזוי ווי די סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services) פעלד מאנשאפטן האבן אנגעהויבן אפשאצן די שאדנס אין אראנדזש און ראקלענד קאונטיס היינט, האט די גאווערנער היינט גערעדט מיט פעדעראלע בעאמטע פון דעם ווייסן הויז, FEMA, די פאראייניגטע שטאטן סענאט מאיאריטעט פירער טשאַק שומער און פאראייניגטע שטאטן סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד איבער די אנגייענדע עמערדזשענסי און די פאטענציאל פאר פעדעראלע הילף צו העלפן צוריקבויען.

"כאטש א גרויסע חלק פון די שטורעם איז שוין אריבער ניו יארק, איז עס קריטיש צו בלייבן וואכזאם," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין אזוי דאנקבאר פאר יעדע ערשטע הילף מאנשאפט מיטגליד

און לאקאלער פירער וואס האט זיך ארויפגעשארט די ארבל זיך צו קימערן מיט זייערע שכנים נאכפאלגנדיג די פרעצעדענטלאזע פארפלייצונגען. גייענדיג פאראויס בין איך פארפליכטעט צו העלפן די קאמיוניטיס זיך ערהוילן און זיך צוריק אויפבויען."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "אונזער מאנשאפט זעצט פאר צו ארבעטן ארום דעם זייגער צו ארויסהעלפן אונזערע לאקאלע שותפים און צו אפשאצן די שאדנס אין באטראפענע קאונטיס. ניו יארקער אין די נארט קאנטרי וועלן פארזעצן צו באקומען מער רעגן היינט נאכט מיט א פאטענציאל פאר פארפלייצונג. בלייבט וואכזאם און זייט באזונדערס פארזיכטיג אויב איר פארט היינט נאכט ביז מארגן."

די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט פאלגט נאך און רופט זיך אפ צו די וועטער אומשטענדן און האט מער פון 3,470 סופערוויזארס און טראק דרייווערס וועלכע שטייען גרייט אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג מער פון 545 אין די האדסאן וואלי ראיאן. מאנשפאט מיטגלידער פירן דורך אקטיווע אפשאצונגען פון די שאדנס און ארבעטן צו צוריק עפענען סטעיט שאסייען ווי שנעלער מעגליך.

צו ארויסהעלפן מיט אפעראציעס, ווערן 36 מאנשאפט מיטגלידער ארויסגעשיקט פון די הויפטשטאט ראיאן און די מאוהאק וואלי צו די האדסאן וואלי ראיאן ווי פאלגנד:

- **הויפטשטאט ראיאן -** שיקט 19 דרייווערס און 4 סופערווייזארס צו די האדסאן וואלי
- **מאוהאק וואלי -** שיקט 11 דרייווערס און 2 סופערווייזארס צו די האדסאן וואלי

די דעפארטמענט האט ארויסגעשיקט אינספעקציע מאנשאפטן פון לאנג איילענד, די סאוטערן טיער און האדסאן וואלי צו די האדסאן וואלי ראיאן, און זייער ארבעט גייט אן. די סטעיט רוט W9 בריק העכער די פּאַפּאלאָופּען וואסער שטורים אין היילענדס טאון, אראנדזש קאונטי, איז יעצט אפגעשפארט פאר פאררעכטונגען אין די צייט וואס סטעיט אינדזשענירן קומען אויף מיט א פלאן צו פאררעכטן די בריק און ערמעגליכן טראפיק צו צוריק קענען אריבערפארן ווי שנעלער מעגליך. די טראנספארטאציע דעפארטמענט האט אויך ארויסגעשיקט שאדן אפשאצונג מאנשאפטן פון די ראיאן און פון אריבער די סטעיט צו אפשאצן די שאדנס אויף סטעיט און לאקאלע שאסייען, מיט אינפארמאציע יעצט ווערנדיג איבערגעקוקט דורך די מאנשאפטן.

די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1,427 גרויסע זאמד טראקס
- 323 גרויסע לאָודער טראקטארס
- 79 עקסקעוועיטער טראקטארס אויף טרעקס און רעדער
- 84 האלץ טשיפערס
- 19 גרעידערס
- 18 וואקיום טראקס מיט סוער דזשעטס
- 15 בוים-קרו באקעט טראקס

**חלקים פון די פאלגנדע סטעיט רוטס זענען פארשפארט:**

**האדסאן וואלי:**

- סטעיט רוט 218 איז פארשפארט איןביידע ריכטונגען צווישן סטאָרם קינג הייוועי און די טאון אָוו קארנוואל/טאון אָוו היילענדס ליניע, טאון אָוו קארנוואל, אראנדזש קאונטי
- די פּאליסעידס פארקוועי איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען צווישן עקזיטס 14 און 18, טאון אָוו היילענדס, ראקלענד קאונטי

- סטעיט רוט 32 איז פארשפארט איןביידע ריכטונגען ביי Troutbrook Rd, וואודבורי, אראנדזש קאונטי
- די יו. עס. 6 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען צווישן NY 293 און די פּאליסעידס פּארקוועי ראמפע, וואודבורי, אראנדזש קאונטי
- די יו. עס. 6 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען צווישן NY 9D און Annsville Circle, קאָרטלאנד, וועסטשעסטער קאונטי
- די יו. עס. W9 איז פארשפארט אין די דרום ריכטונג צפון פון NY 218 עקזיט, היילענדס, אראנדזש קאונטי
- די יו. עס. W9 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען ארום די NY 293, היילענדס, אראנדזש קאונטי
- די יו. עס. W9 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען ביי Old State Rd, היילענדס, אראנדזש קאונטי
- סטעיט רוט 32 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען ביי Woodbury Rd, וואודבורי, אראנדזש קאונטי
- די יו. עס. W9 איז פארשפארט אין די צפון ריכטונג ביי Bear Mountain Circle, היילענדס, אראנדזש קאונטי
- די יו. עס. W9 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען צווישן Seven Lakes Drive און S Entrance Road, סטאָוני פוינט, ראקלענד קאונטי
- די יו. עס. W9 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען ביי Mine Dock Rd, היילענדס, אראנדזש קאונטי
- די פּאליסעידס פּארקוועי איז פארשפארט אין דרום ריכטונגען צווישן די יו. עס. W9; יו. עס. 6; עק פון די שאסיי און עקזיט 15; Old Gate Hill Road; קאונטי רוט 10, היילענדס, אראנדזש קאונטי
- די יו. עס. W9 איז פארשפארט אין צפון ריכטונגען דרום פון Stoney Lonesome Rd, היילענדס, אראנדזש קאונטי
- סטעיט רוט U980 איז פארשפארט אין צפון און דרום ריכטונגען צווישן די יו. עס. W9 און סטעיט רוט 218, היילענדס, אראנדזש קאונטי
- סטעיט רוט 292 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען צווישן סטעיט רוט 292; סטעיט רוט 311; סטעיט רוט 55, פּעטערסאן, פּאָטנעם קאונטי
- סטעיט רוט 17 איז פארשפארט אין מזרח ריכטונגען אויף ראמפע צו עקזיט A130, וואודבורי, אראנדזש קאונטי
- סטעיט רוט 132 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען דרום פון יו. עס. רוט 6, טאון אָוו יארקטאַון, וועסטשעסטער קאונטי
- סטעיט רוט 448 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען מזרח פון North Broadway, מאַונט פּלעזענט, וועסטשעסטער

**הויפטשטאט ראיאן:**

- סטעיט רוט 32 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען צווישן Tibbits Avenue און Bridge Avenue, קאהאָוס, אלבאני קאונטי

**צענטראל ניו יארק:**

- סטעיט רוט 104 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען מזרח צווישן Standpipe Rd. און Emery Rd., מעקסיקאָו, אָסוועגאָו קאונטי

- די יו. עס. 11 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען צווישן סטעיט רוט 69 און Czebeniak ביי די בריק העכער די ליטעל סעלמאן ריווער, מעקסיקאָו, אָסוועגאָו קאונטי
- די יו. עס. A69 איז פארשפארט אין צפון ריכטונגען צווישן סטעיט רוט 69 און יו. עס. 11, פּעריש, אָסוועגאָו קאונטי

**מעטראָו-נארט טראנספארטאציע סערוויס**

די MTA מעטראָו-נארט באן סערוויס האט היינט אנאנסירט אז די באנען וועלן טיילווייז צוריק אנהויבן פארן אויף די האדסאן ליניע אנגעהויבן דינסטאג, יולי 11, אינדערפרי. האדסאן ליניע באנען וועלן פארן צווישן גרענד סענטראל טערמינאל און פיקסקיל צום וויניגסטנס איינמאל א שעה.

מעטראָו-נארט וועט פארזעצן צו צושטעלן באגרעניצטע באס סערוויס פאר פאסאנזשירן וועלכע דארפן דרינגנד פארן צווישן קראָוטאן-הארמאן און פוקיפסי, מיט באסעס ארויספארנדיג פון קראָוטאן-הארמאן יעדעס מאל א באן ווערט אנגעפילט. באסעס וועלן זיך אפשטעלן ביי קראָוטאן-הארמאן, ביקאן און פוקיפסי. סערוויס ווערט נישט צוגעשטעלט אנשטאט די באנען ביי מעניטו, גאריסאן, קאלד ספרינג און ניו האמבורג. באס סערוויס אויף די אָפּער הארלעם ליניע צווישן סאָוטאיסט און וועסאייעק וועלן פארזעצן דינסטאג צום וויניגסטנס ביז נאכמיטאג, זיך אפשטעלנדיג ביי אלע סטאנציעס.

די אמעריקאנע רויטע קרייץ האט אויפגעשטעלט צוויי שעלטערס — איינס אין אָנטאַריאו קאונטי ביי די קענענדעיגווע טאַון האָל (5440 Route 5 & 20 West, Canandaigua) און איינס אין אראנדזש קאונטי ביי די Sacred Heart School (7 Cozzens Avenue, Highland Falls).

די מערהייט פון קאונטיס אין די מזרח חלק פון די סטעיט זענען אונטער א פארפלייצונג וואַטש אריבער היינט אוונט, אזוי ווי ביז אזויפיל ווי נאך צוויי אינטשעס פון רעגן זענען ערווארטעט אין געגנטער אין די הויפטשטאט ראיאן און אין די נארט קאנטרי. פאר א פולע ליסטע פון וועטער אלערטס און פאראויסזאגונגען, באזוכט די וועבזייטל פון די נאציאנאלע וועטער סערוויס (National Weather Service) אויף https://alerts.weather.gov.

ניו יארקער ווערן געמוטיגט זיך צו איינשרייבן צו באקומען עמערדזשענסי אלערטס דורכן זיך איינשרייבן פאר NY Alert אויף alert.ny.gov — אן אומזיסטע סערוויס וואס שיקט קריטישע עמערדזשענסי אינפארמאציע צו אייער סעלפאון אדער קאמפיוטער.

**<u>שווערע וועטער זיכערהייט עצות</u>**

**סופּלייס פאר א קאטאסטראפע**

- האלט סופּלייס פאר א קאטאסטראפע ביים האנט, אריינרעכנענדיג:
- פלעשלייטס און עקסטערע בעטעריס
- בעטערי־באקרעפטיגטע ראדיא און עקסטערע בעטעריס
- ערשטע הילף פעקל און אנווייזונגען
- עמערדזשענסי עסנווארג און וואסער
- נישט עלעקטרישער קען עפענער
- נויטיגע מעדיצינען
- טשעקבוק, קעש, קרעדיט קארטלעך, ATM קארטלעך

**פלוצימדיגע פארפלייצונגען**

- פרובירט נישט קיינמאל צו דרייוו'ען אויף א פארפלייצטע ראוד. דרייט זיך אום און נעמט אן אנדערע וועג.
- אויב וואסער הייבט אן גיך זיך הייבן ארום אייך, פארלאזט זאפארט די קאר.
- שאצט נישט אונטער די כוח פון גיך-באוועגיגע וואסערן. צוויי פיס שנעל-באוועגיגע פארפלייצונג וואסער וועלן אונטערהייבן אייער קאר, און וואסער וואס ציט זיך בלויז צוויי מייל א שעה קען אראפּוואשן קאר פון א ראוד אדער בריק.

**בליצן**

- פאלגט נאך דער 30-30 כלל: אויב דער צייט צווישן ווען איר זעט א בליץ און הערט ווי עס דונערט איז אונטער 30 סעקונדעס, איז דער בליץ גענוג נאענט אייך צו דערכאפן. זוכט אויס א שוץ-ארט זאפארט. נאך דער לעצטער בליץ, ווארט אפ 30 מינוט בעפאר איר פארלאזט אייער שוץ-ארט.
- בליצן שטויסן אן צום ערשט דאס וואס שטייט דאס מערסטע אין די הייעך. אויב איר זענט העכער די שפיץ הויעכקייט פון ביימער, גייט זאפארט ארונטער און לייגט זיך אראפ איינגעבויגענערהייט אויב איר זענט אין אן אפענעם שטח.
- אויב איר קענט נישט אנקומען צו א שוץ-ארט, שטייט אוועק פון ביימער. אויב עס איז נישט דא קיין ארט וואו זיך צו באשיצן, זעצט אייך אראפ טיף איינגעבויגן, און שטייטס ווייט פון א בוים טאפלט די מאס פון איר הייעך.

**טארנאדא**

- אויב איר געפונט זיך אינדרויסן און א טארנאדא ווארענונג ווערט ארויסגעגעבן, זוכט זאפארט א שעלטער. אויב עס איז נישטא קיין שעלטער נעבן אייך, לייגט זיך אויס פלאץ אין א גרוב אדער אין א נידעריגע פלאץ מיט אייערע הענט באשיצנדיג אייער קאפ.
- אויב איר זענט אינדערהיים אדער אין א קליינע געביידע, גייט אראפ אין די בעיסמענט אדער צו אן אינעווייניסטע צימער אויף די אונטערשטע שטאק פון די געביידע. שטייטס ווייט פון פענצטער. קלאזעטס, באדצימערן און אנדערע אינערליכע צימער באטן אן די בעסטע באשיצונג. לייגט אייך אונטער א שטארקע שטיקל מעבל אדער דעקט אייך איבער מיט א מאטראץ.
- אויב זענט איר אין א סקול, שפיטאל אדער שאַפינג צענטער, גייט צו א דעזיגנירטע שעלטער. שטייט ווייט פון גרויסע אפענע ערטער און פון פענצטערץ גייט נישט ארויס אינדרויסן צו אייער קאר.
- אויב זענט איר אין א הויך-שטאקיגער געביידע, גייט צו אן אינעווייניגסטע קליינע צימער אדער קארידאר אויף די נידעריגסטע שטאק מעגליך. נוצט נישט קיין עלעוועיטערס — נוצט נאר די טרעפ.

פאר מער אינפארמאציע איבער פערזענליכע גרייטקייט און איבער וויאזוי צו בלייבן זיכער דורכאויס שווערע וועטער, באזוכט: https://www.dhses.ny.gov/safety-and-prevention.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן